בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאְרְ׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִיש**

**תשפ״ז**

416

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען אָנְטוּן טַייץ פַּארְן וַואשְׁן נֶעגֶל וַואסֶער?.................................. א

שְׁמִירְן אוֹיל אוֹיף אַ בֶּעבִּי?............................................................... ב

זָאל אִיךְ וַוייטֶער בֶּעטְן אוֹיף אַ שִׁדּוּךְ?..................................... ג

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְוֵוייגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?.......................... ה

ווּאוּ אִיז דֶער מְקוֹר פוּן דִי סְגוּלָה צוּ בְּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייבִיג? ...................... ז

אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת שׁוֹין פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג?...................................... ט

וִוי שַׁאפְט מֶען פַּרְנָסָה?............................................................ י

זִיצְן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה בַּיי חֲנוּכָּה לֶעכְט?...................................... יג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

גֵיי כְּסֵדֶר זִיךְ טוֹבֵלְ'ן.......................................................... א

גֶעבָּארְגְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי מוֹסְדוֹת.............................. א

גֶעבָּארְגְט הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי מוֹסְדוֹת............................ ב

זָאלְסְט נִישְׁט רֵייכֶערְן.............................................................. ב

שַׁאפְן פַּרְנָסָה פַאר אִידְן, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה........................... ג

מַמָּשׁ בְּקָרוֹב גֵייעֶן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.......................... ד

אַרוּמְשִׁיקְן שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן שִׁעוּרִים, נָאר מִיט רְשׁוּת........................... ה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ וֵוייסְט אַלֶעס........................................... ו

אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ .......... ז

גֶעפַּאלֶענֶע, צֶעקְלַאפְּטֶע, אוּן צֶעפְּלִיקְטֶע, שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן .......... ז

אִין זְכוּת פוּן "חֶבְרָה הַצָּלָה" וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען .......... ח

רֶעדְן נָאר אִידִישׁ אִין בֵּית פֵּיגָא .......... ט

צוּגֶעזָאגְט צוּ גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִּיק .......... ט

אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה אִין דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער .......... י

גֵיין מִיט דִי וַוייבּ צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שַׁבָּת .......... יא

אִיךְ דַארְף אַרָאפְּלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן, מַיין מַאן אִיז דָא .......... יא

אַ שַׁבָּת אִין שְׁפִּיטָאל .......... יב

דִי נֵס פוּן עֶרֶב חֲנוּכָּה .......... כ

רֶעד צוּ דַיינֶע טֶעכְטֶער פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה .......... כג

פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ .......... כד

אוֹיבּ אַ חַבֵר אִיז דָאס דִי וַוייבּ .......... כו

בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ .......... כז

אִיבֶּערְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן .......... כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען אָנְטוּן טֵייץ פַּארְן וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר בֵּית פֵּיגָא, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אִין בֵּית פֵּיגָא.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אָנְטוּן טֵייץ בֶּעפָאר וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער; אִיךְ שְׁלָאף אוֹיף אַ בֶּעט פוּן צְוֵויי שְׁטָאק אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען נִישְׁט אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן בֶּעט אָן טֵייץ, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן פַאר אַן עֶנְטְפֶער.

נָאךְ אַ זַאךְ וְויל אִיךְ בֶּעטְן, עֶס אִיז מִיר גָאר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, אַמָאל הָאבּ אִיךְ יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, אָבֶּער פְּלוּצְלוּנְג הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט זָאגְן; אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי מֶעגְט אִיר אָנְטוּן דִי טֵייץ אִין בֶּעט אֵיידֶער אִיר וַואשְׁט זִיךְ נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אַזוֹי אִיז גוּט זִיךְ צוּ פִירְן, אַרוּמְגֵיין נָאר מִיט צוּגֶעדֶעקְטֶע פִּיס.

בַּאנַייט זִיךְ מִיט זָאגְן תְּהִלִּים, זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, זָאגְט כָאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק

גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל זָאגְן תְּהִלִּים קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הִתְנַשְּׂאוּת, סִימָן כז): "עַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים נִתְרוֹמֵם", דוּרְךְּ זָאגְן תְּהִלִּים וֶוערְט מֶען דֶערְהוֹיבְּן; מֶען וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁמִירְן אוֹיל אוֹיף אַ בֶּעבִּי?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דִי קַשְׁיָא אִין קָאפּ אַ שְׁטִיק צֵייט, וָואס מֵיינְט דָאס וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת "חַמִּין וְשֶׁמֶן מְבָרְין אֶת הַוָּלָד"? מֵיינְט דָאס טַאקֶע אַז מֶען זָאל שְׁמִירְן אוֹיל אוֹיף דִי בֶּעבִּי? אוּן בִּיז וִויפִיל יָאר מֵיינְט מֶען "אֶת הַוָּלָד"?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

וִויסְן זָאלְט אִיר, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דַארְף מֶען מְקַיֵּם זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן מח): "חַמִּין וְשֶׁמֶן מְבָרְין אֶת הַוָּלָד", בָּאדְן אַ קִינְד אִין וַוארֶעם וַואסֶער אוּן אִים אָנְשְׁמִירְן מִיט אוֹיל מַאכְט גֶעזוּנְט דָאס קִינְד - אִיז דָאס אַזוֹי; דֶער מְקוֹר פוּן דֶעם אִיז דִי גְּמָרָא אִין מַסֶּכֶת חוּלִין, (דַּף כד:) וואו דִי גְּמָרָא שְׁמוּעֶסְט פוּן גֶעוִויסֶע הֲלָכוֹת וָואס אִיז אַנְדֶערְשׁ בַּיי יוּנְגֶע וִוי בַּיי אַלְטֶע, פְרֶעגְט דִי גְּמָרָא 'וִוי לַאנְג אִיז מֶען יוּנְג אוּן וֶוען וֶוערְט מֶען אוֹיס יוּנְג?' זָאגְט דִי גְּמָרָא: 'כָּל זְמַן מֶען קֶען שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פוּס אוּן אָנְטוּן דִי שִׁיךְ אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע פוּס אוּן עֶס צוּבִּינְדְן'; דֶער וָואס קֶען דָאס טוּן הָאט נָאךְ דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דִי גְּמָרָא דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חֲנִינָא הָאט בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר נָאךְ גֶעקֶענְט

שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פוּס אוּן אָנְטוּן אוּן צוּבִּינְדְן דִי שִׁיךְ פוּן דִי אַנְדֶערֶע פוּס, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ דִי כֹּחוֹת בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר - דָאס קוּמְט פוּן דִי 'חַמִּין וְשֶׁמֶן שֶׁסַּכְתָנִי אִמִּי בְּיַלְדוּתִי, הֵן עָמְדוּ לִי בְּעֵת זִקְנוּתִי', מַיין מַאמֶע הָאט מִיךְ גֶעבָּאדְן מִיט וַוארֶעם וַואסֶער אוּן מִיךְ אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט אוֹיל, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ בִּיז יֶעצְט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

אוֹיךְ קֶען מֶען זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, אַז דָאס מֵיינְט מֶען וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט וָואס דִי מַאמֶע לֵייגְט אַרַיין אִינֶעם קִינְד, דָאס הֶעלְפְּט אִים אוֹיפְוַואקְסְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן אוֹיף דִי עֶלְטֶער צוּ קֶענֶען שְׁטֵיין מִיט אֵיין פוּס, דָאס מֵיינְט אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער זָאל מֶען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי גְּמָרָא זָאגְט, אוּן אַזוֹי טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רָב דֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי תּוֹרָה מַהֲדוּרָה ט, סִימָן נג), דִי 'חַמִּין וְשֶׁמֶן שֶׁסַּכְתָנִי אִמִּי בְּיַלְדוּתִי', דָאס מֵיינְט מֶען דִי וַוארֶעמְקֵייט צוּ אַ מִצְוָה אוּן אַ וַוארֶעמְקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיל דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עַיֵּין שָׁם; וַוייל דִי מַאמֶעס וָואס גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי לֵייגְן אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן מִצְווֹת, פוּן עֲבֵירוֹת, פוּן יֵצֶר טוֹב, אוּן פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע - דָאס אִיז 'מַבְרִין אֶת הַוָּלָד'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ וַוייטֶער בֶּעטְן אוֹיף אַ שִׁדּוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר טָאג טֶעגְלִיךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי סְגוּלָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צוּ זָאגְן פֶערְצִיג טֶעג קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים מִיט דִי תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ

יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ טוּן, עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק, ווייל עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ הָאפֶענוּנְג אַז אָט אָט גֵיי אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁדּוּךְ, אָבֶער פַּאר אַפָּאר טֶעג צוּרִיק אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער פֶערְצִיג טֶעג, אוּן זֵייט דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ שׁוֹין פַארְלוֹירְן דִי חֵשֶׁק עֶס צוּ זָאגְן, אוּן אוֹיךְ צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאב שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים, אַז אִיךְ הָאב שׁוֹין נִישְׁט קֵיין כֹּחַ מֶער וַוייטֶער צוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אֶפְשָׁר אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרְשְׁט יֶעצְט דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, נִישְׁט זִיךְ נָאכְלָאזְן נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין שִׁדּוּךְ, אוּן וַוייטֶער טוּן דִי סְגוּלוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶרְשְׁט יֶעצְט - נָאכְן טוּן דִי סְגוּלָה פֶערְצִיג טֶעג אוּן נָאכְאַלְץ הָאסְטוּ נִישְׁט דַיין שִׁדּוּךְ - עֶרְשְׁט יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ זָאגְן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים, ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן חֵלֶק ב', סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"; אוּן אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער פֶערְצִיג טֶעג אוּן דַיין שִׁדּוּךְ אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען - אִיז דָאס בַּיי דִיר 'מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ', זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע סְגוּלוֹת פוּן רֶבִּי'ן. זַיי מַקְפִּיד אוֹיף קִידּוּשׁ לְבָנָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ב): "קִדּוּשׁ לְבָנָה סְגֻלָּה שֶׁיִּמְצָא אָדָם אֶת זִוּוּגוֹ"; זַיי מַקְפִּיד צוּ מַאכְן קִידּוּשׁ לְבָנָה יֶעדְן חוֹדֶשׁ וִוי פְרִיעֶר, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט קִידּוּשׁ לְבָנָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן אוּן וֶוער נִישְׁט מְיוּאָשׁ, מֶען דַארְף

גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים אוּן אִין זֵייעֶרֶע סְגוּלוֹת, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט ווִי מֶען וֶוערְט גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן, דַארְף מֶען וַוייטֶער הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין תְּפִלָּה; אַז מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט - דַארְף מֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, מֶען דַארְף וַוייטֶער בֶּעטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵל", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן - זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'"; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף ווַארְטְן אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל, גֵיי צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, זָאג דָארְט אוֹיס תְּהִלִּים לִזְכוּת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁדוּךְ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין דִי צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יז): "אוּן אִיךְ בִּין מְגַלֶה דַעַת אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים אוֹיף אֵיין מָאל אָן אַ הֶפְסֵק, וֶועל אִיךְ זַיין פַאר זֵיי אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁדוּךְ פוּן הִימְל, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּזָאג".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם כֹּל ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף אַלֶע חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט מִיר.

שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל קִצּוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ, חוּמָשׁ רַשִׁ"י, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, יוֹם תְּהִלִּים, צֶען דַּפִּים גְּמָרָא, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף גֵיי אִיךְ שְׁפֶּעטֶער לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, יֶעצְט פְּלַאן אִיךְ צוּ גֵיין הֲפָצָה.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וֵויינֶען - זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ קוֹל פוּן וֵויינֶען; דָאס הֵייסְט, וֶוען דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ ווִילְסְט זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, אָבֶּער דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וֵויינֶען - זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ קוֹל פוּן וֵויינֶען, מַאךְ אַ קוֹל ווִי אֵיינֶער וָואס וֵויינְט. אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (ו, ט): ״כִּי שָׁמַע ה׳ קוֹל בִּכְיִי״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט דִי קוֹל פוּן וֵויינֶען; זֶעט מֶען אַז דִי קוֹל פוּן וֵויינֶען אִיז אַזוֹי ווִי וֵויינֶען.

אוֹיךְ אִיז דָא פוּן רֶבִּי׳ן סְגֻלּוֹת ווִי אַזוֹי צוּ וֵויינֶען, צוּ קוּקְן אוֹיפְן הִימְל, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בְּכִיָּה חֵלֶק ב׳, סִימָן א): ״מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִבְכּוֹת״, וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט וֵויינֶען - ״יִסְתַּכֵּל עַל הָרָקִיעַ״, זָאל קוּקְן צוּם הִימְל, ״כִּי הוּא גָּרַם בְּכִיָּה לַמַּיִם״, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ה, ג): ״לֹא פֵּרְשׁוּ הַמַּיִם הַתַּחְתּוֹנִים מִן הָעֶלְיוֹנִים אֶלָּא בִּבְכִיָּה״, דֶעמָאלְט וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט דִי הִימְל, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֶעטֵיילְט דִי וַואסֶער, אַ טֵייל וַואסֶער אוֹיף אוֹיבְן, אוּן אַ טֵייל וַואסֶער אוֹיף אִינְטְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן דִי וַואסֶער פוּן אוּנְטְן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אַז זֵיי ווִילְן זַיין נֶעבְּן דֶעם קֶענִיג, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאגְט דֶער רֶבִּי, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען קוּקְט צוּם הִימְל, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן וואוּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט, מֶען אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק רוּחָנִי, אוּן יֶעצְט אִיז מֶען דָא אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט, דָאס אַלֵיינְס, דָאס קוּקְן אוֹיפְן הִימְל - מַאכְט וֵויינֶען, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן נט): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִבְכּוֹת", דֶער וָואס קֶען נִישְׁט וֵויינֶען, "הַסְּגֻלָּה, שֶׁיֵּשֵׁב בְּמָקוֹם שֶׁשּׁוֹפְכִים שָׁם שְׁנֵי נְהָרוֹת בְּיַחַד", אִיז דָא אַ סְגוּלָה עֶר זָאל זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן בַּיי אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס גִיסְן זִיךְ טַייכְן, דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר פוּן דִי סְגוּלָה צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניג?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט נָאךְ בַּיי אַ שִׁעוּר פוּן מוֹהֲרָ"א"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִינֶעוֵוייניג אִיז אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז דָאס הָאט אַ מְקוֹר אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען בִּיטֶע צוּצֵייכֶענֶען דֶעם מְקוֹר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער, נָאר פוּן אִינֶעוֵוייניג נִישְׁט בְּעַל פֶּה, אוּן אַז דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר עֲשִׁירוּת. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז וַוייזְן אַ בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס דָאס בֶּענְטְשְׁן בְּעַל פֶּה, וִוי מֶען קֶען אוֹיסְלָאזְן אַ גַאנְצֶע בְּרָכָה; לְמָשָׁל מֶען הֵייבְּט אָן דִי צְוֵוייטֶע בְּרָכָה "נוֹדֶה לְךָ הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ" אוּן מֶען פָּארְט אַרַיין אִין דִי בְּרָכָה פוּן "רַחֵם", מֶען זָאגְט "[נוֹדֶה לְךָ הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ -] עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ", אַזוֹי הָאט

מֶען אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה פוּן נוֹדֶה לְךָ אוּן וְעַל הַכֹּל, מֶען הָאט נִישְׁט מַזְכִּיר גֶעוֶועְן תּוֹרָה, אוּן נִישְׁט בְּרִית, וְוִי דִי הֲלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן קפז, סְעִיף ג).

מוֹהֲרָא"ש רֶעדְט גָאר אַסַאךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים פוּן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט אַ סִידוּר, וְוִי דָאס אִיז מְסוּגָל לַעֲשִׁירוּת. מוֹהֲרָא"ש צֵייכְנְט אָן אַלְס מְקוֹר דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיַּקְהֵל ריח:): "מַאן דִּמְבָרֵךְ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִגּוֹ שַׂבְעָא", וֶוער עֶס בֶּענְטְשְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְן זַאט וֶוערְן, "בָּעֵי לְכַוְּונָא לִבֵּיהּ, וּלְשַׁוָּואָה רְעוּתֵיהּ בְּחֶדְוָה", דַארְף בֶּענְטְשְׁן מִיט כַּוָּונָה אוּן מִיט שִׂמְחָה, "וְלָא יִשְׁתְּכַּח עָצִיב" וְכוּ', אוּן נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן מִיט דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט, "וּכְמָה דְּאִיהוּ מְבָרֵךְ בְּחֶדְוָה וּבְעֵינָא טָבָא. הָכִי יָהֲבִין לֵיהּ בְּחֶדְוָה וּבְעֵינָא טָבָא", אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט בֶּענְטְשְׁן מִיט שִׂמְחָה - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, אוּן דֶער חִידָ"א זָאגְט אִין זַיין סֵפֶר הַגָּהוֹת נִיצוֹצֵי אוֹרוֹת, אַז דָא זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז מְסוּגָל פַאר עֲשִׁירוּת צוּ בֶּענְטְשְׁן בְּשִׂמְחָה, אוּן נָאךְ גֶעפִינֶען מִיר אִין זוֹהַר (זוֹהַר חָדָשׁ רוּת, דַּף פו): "גָּדוֹל כֹּחַ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, שֶׁמּוֹסִיף בְּרָכָה עַל מַעֲשֶׂה יָדָיו שֶׁל אָדָם", דוּרְךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּרֶענְגְט מֶען פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס דַארְף זַיין אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש הָאט אַזוֹי גֶעלֶערְנְט פְּשַׁט, וַוייל אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט בְּעַל פֶּה עַל פִּי רוֹב פַארְפֶעלְט מֶען וֶוערְטֶער, אוּן אַמָאל קֶען מֶען אַרַיינְפָּארְן פוּן אֵיין בְּרָכָה צוּ אַ צְוֵוייטֶע בְּרָכָה אוּן מֶען לָאזְט אוֹיס פוּנֶעם בֶּענְטְשְׁן, אָבֶּער אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער - דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען אַרוֹיס יֶעדֶע וָוארְט אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַּרְנָסָה.

אוֹיךְ זָאגְט מוֹהֲרָא"ש מֶען זָאל זִיךְ אָנְטוּן צוּם בֶּענְטְשְׁן דִי הוּט אוּן רֶעקְל, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַז דֶער חִידָ"א בְּרֶענְגְט (סֵפֶר כִּסֵּא דָוִד, דְּרוּשׁ כ) פוּן סֵפֶר חֲסִידִים (סִימָן מו), אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי נָאנְטֶע חֲבֵרִים אוּן אֵיינֶער אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט יוּנְגֶערְהֵייט רַחֲמָנָא לִצְלַן אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ זַיין גוּטֶער חָבֵר, פְרֶעגְט אִים דֶער חָבֵר: "וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִיר אוֹיבְּן אִין הִימְל?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען שְׁטְרָאפְט מִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ מְזַלְזֵל גֶעוֶוען אִין בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, אִיךְ הָאבּ

נִישְׁט גֶעהֶערִיג גֶעבֶּענְטְשְׁט"; עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין חַבֵר זָאל רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אַז דָאס זָאל אִים זַיין פַאר אַ תִּיקוּן.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס בֶּענְטְשְׁט מִיט שִׂמְחָה, מִיט אַ סִידוּר, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת שׂוֹין פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעזֶען אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וואו דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט: "בְּרֶען אָפּ דִי לֶעכְט, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, טוּ עֶס שׂוֹין פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי"; וֵויל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ פִיר זִיךְ שׂוֹין אַפָּאר יָאר צוּ אָפְּבְּרֶענֶען דִי לֶעכְט לֵיל שִׁשִּׁי פַאר אִיךְ קוּם צוּם שִׁעוּר, וֶוען אִיךְ עֶנְדִיג אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם שַׁבָּת'דִיגְן טִישְׁטוּךְ, אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ הָאב עֶס אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ טוּ עֶס סַיי וִוינְטֶער אוּן סַיי זוּמֶער, וֶוען עֶס אִיז נָאךְ בֶּאֱמֶת טָאג, וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיב אִיךְ טוּ רִיכְטִיג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ דֶער מַאן זָאל אָפְּבְּרֶענֶען דִי לֶעכְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "אָמַר רַב הוּנָא, הָרָגִיל בְּנֵר הַוְיָין לֵיהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק א', סִימָן נד), אַז דָאס מֵיינְט מֶען סַיי שַׁבָּת לֶעכְט אוּן סַיי חֲנוּכָּה לֶעכְט; אַז דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דִי וֶועלְט פְרֶעגְט, דָאס אִיז דָאךְ אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער טוּט, דָאס אִיז נִישְׁט

עֶפֶּעס אַ זַייטִיגֶע סְגוּלָה וָואס נָאר אַ טֵייל טוּעֶן, אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶער צִינְדְט מֶען שַׁבָּת לֶעכְט אוּן חֲנוּכָּה לֶעכְט, אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט אַז אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ? ! נָאר וָואס דֶען, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען טוּט דִי מִצְוָה ; אַז מֶען טוּט דִי מִצְוָה מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שִׂמְחָה, מֶען גְרֵייט דָאס אָן מִיט אַ חֲשִׁיבוּת אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם.

קֶענְסְט לֵייגְן דִי וַוייסֶע טִישְׁטוּךְ אוּן אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת ; אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף טוּן פְרַייטָאג לְכָבוֹד שַׁבָּת, זָאגְן שׁוֹין דִי פּוֹסְקִים אַז אוֹיב עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶס מַאכְט מֶער סֵדֶר - קֶען מֶען עֶס שׁוֹין טוּן דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן זָאגְן אַז מֶען טוּט דָאס לְכָבוֹד שַׁבָּת. קוּק אִין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן רנ (סְעִיף קָטָן ב) : "וּמִסְתַּבְּרָא דִבְיָמִים הַקְּצָרִים כָּל מַה שֶּׁיָּכוֹל לְהַקְדִּים הַהֲכָנָה בְּיוֹם ה' עָדִיף", אִין דִי ווִינְטֶער שַׁבָּתִים וֶוען עֶרֶב שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר קוּרְץ קֶען מֶען שׁוֹין אַלֶעס טוּן דָאנֶערְשְׁטָאג, אוּן עֶר זָאגְט : "וְטוֹב שֶׁיֹּאמַר עַל כָּל דָּבָר שֶׁקּוֹנֶה זֶהוּ לִכְבוֹד שַׁבָּת כִּי הַדִּבּוּר הוּא פּוֹעֵל הַרְבֵּה בִּקְדוּשָּׁה", מֶען זָאל אוֹיף אַלֶעס זָאגְן אַז מֶען טוּט דָאס לְכָבוֹד שַׁבָּת, אַזוֹי קוּמְט אַרַיין דִי קְדוּשָּׁה אִין דִי זַאךְ.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ דֶער מַאן זָאל אָפְּבְּרֶענֶען דִי לֶעכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אַז דָאס אִיז מְתַקֵּן אוֹיךְ דִי שְׁוֶועֶרֶע פְּגָמִים, דִי פְּגָמֵי הַבְּרִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי שַׁאפְט מֶען פַּרְנָסָה ?

**שְׁאֵלָה :**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ רֶעד זִיךְ נִישְׁט אָפּ, אִיךְ רֶעד זִיךְ נָאר אוֹיס, אִיךְ הָאב מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, אִיךְ

דַארְף פַּרְנָסָה, עֶס דְרִיקְט מִיךְ אוּן דְרִיקְט מִיךְ, עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל עֶפֶּעס פוּן מִיר אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאס.

כָאטְשׁ ווָאס בֶּאֱמֶת ווֵייס אִיךְ פִּינְקְטְלִיךְ ווָאס אִיךְ דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר אוּן פְּרוּבִּיר, אִיךְ ווֵייס עֶס הֶערְט זִיךְ אֶפְשָׁר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אָבֶּער אִיךְ פְּרוּבִּיר אֱמֶת'דִיג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מִיּוֹם עָמְדִי עַל דַּעְתִּי קֶען אִיךְ זָאגְן אַז אִיךְ פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע מַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין גוּט, מִיט אַזֶעלְכֶע יְגִיעוֹת, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט מִילְיָאנֶען מָאל טַעַם מִיתָה, אוּן ווִידֶער פַאל אִיךְ אַרָאפּ; נָאר אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ ווֶערְן גֶעשְׁטְרָאפְט אַז פַּרְנָסָה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט... אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ בִּין פַארְוָוארְפְן פוּן אַלֶע ווֶועלְטְן, סַיי עוֹלָם הַזֶה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין עוֹלָם הַבָּא.

יֶעדְן טָאג ווֵיין אִיךְ אַ גוּטֶע שָׁעָה, מִיט הֵייסֶע הֵייסֶע טְרֶערְן, אִיךְ ווַארְף זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זֶעט אָבֶּער אוֹיס ווִי דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ תְּפִלָּה [דִי תְּפִלָּה אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אִיךְ זָאג עֶס יֶעדְן טָאג, אִיךְ טוּ דִי בִּיסְל הֶפְצָה ווָאס אִיךְ קֶען דֶערְווַייל טוּן, אוּן פַאר מַיין ווַייבּ קֶען אִיךְ נָאכְנִישְׁט זָאגְן דֶערְוֶועגְן, אִיךְ מֵיין אַז זִי גֵייט עֶס נָאכְנִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען.

ווָאס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹי ווִי גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ ווֵיינְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דוּ ווַארְפְסְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד ווִי אַ קִינְד ווָאס ווֵיינְט אוּן ווַארְפְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד ווֶוען עֶר ווִיל עֶפֶּעס אוֹיסְפִירְן; אַזוֹי זָאלְסְטוּ ווַייטֶער טוּן, ווַייל דָאס אִיז דִי עֵצָה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) אַז

די שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ זַיין פַּרְנָסָה אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַּרְנָסָה - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס וָואס עֶר אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאוואוּסְטֶער מַגִיד רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן יַאדְלֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר פְּלֶעגְט אַרוּם גֵיין אִין שׁוּלְן הַאלְטְן דְרָשׁוֹת; אֵיינְמָאל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ אִיד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, זֵיי וֵויינֶען פַאר בְּרוֹיט וְכוּ' וְכוּ'", זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶער טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר", דֶער אִיד קוּקְט אָן רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן מִיט וואוּנְדֶער אוּן זָאגְט: "מַיין טַאטֶע וָואס וואוֹינְט אִין צְפַת? וָואס קֶען עֶר מִיר שׁוֹין הֶעלְפְן? עֶר הָאט קוֹים פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן?" אוּן עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "פַארְוָואס מַאכְט אִיר חוֹזֶק פוּן מִיר?!" זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן: אִיךְ מֵיין נִישְׁט דַיין טַאטֶע פוּן צְפַת, אִיךְ מֵיין דַיין טַאטֶע אִין הִימְל - דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - עֶר קֶען דִיר הֶעלְפְן! בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה, אוּן אַז עֶס קוּמְט דִיר אוּנְטֶער אַ פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ טוּן אִין דֶעם אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט לוֹיט דַיין כָּבוֹד וְכוּ', אוּן זַיי שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי מֶען אִיז גֶעלוּנְגֶען אָדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט אַ גוּטְן קָאפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי תְּפִלָּה צוּ וֶועלְכֶע דִי בַּייגֶעלֵייגְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזֶען אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ גֶעפִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי סְפָרִים הָאבְּן מִיט מִיר גֶעטוּן, ווִי דָאס הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען, ווִי עֶס הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט מַיין מֹחַ אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פוּן דִיר אוּן בֶּענְקֶען צוּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן בִּפְרַט וָואס דִי סְפָרִים

הָאבְּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט מַיין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מַיין חִינוּךְ הַיְלָדִים, בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, אִיךְ זָאל עוֹסֵק זַיין מַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין מֵפִיץ זַיין סִפְרֵי רַבֵּינוּ, צוּ גֶעבְּן דִי גוּטֶע לֶעבְּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט - פַאר אַלֶעמֶען, אִיךְ זָאל גֵיין פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע וַואסֶער פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצוֹת פוּנֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה פַאר אַלֶעמֶען, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זוּכְן אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט, זֵיי זֶענֶען פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעפִינְט זִיךְ, דֶער שְׁרֵייט דָא, דֶער שְׁרֵייט דָא, עֶס אִיז דָא אַזַא צֶעמִישֶׁענִיש אִין דִי וֶועלְט, פַּאר זֵיי זָאל אִיךְ גֶעבְּן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, דִי גוּטֶע עֶסְן פוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן זַיי אַלֶע מְקָרֵב זַיין צוּ דִיר״].

...

## זִיצְן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה בַּיי חֲנוּכָּה לֶעכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט יֶעצְט דִי חֲנוּכָּה טֶעג, אוּן אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַז יֶעדֶעס יָאר וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן הוּנְגֶערִיג, אִיךְ זִינְג אַפָּאר מִינוּט זְמִירוֹת, אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ זִיצְן בַּיי דִי לֶעכְט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה. בַּיי מַיין טַאטֶע אָבֶּער אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ הֲלָכָה אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי לֶעכְט פַּאר אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, מֶען זִינְגְט אוּן מֶען טַאנְצְט בִּיז אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה צוּם וֵוייניגְסְטְנְס, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן צִי אִיךְ זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶעם צוּ זִיצְן אַ גַאנְצֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה בַּיי דִי לֶעכְט?

יְיִשַׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

יָא, שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן צוּ זִיצְן בַּיי דִי לֶעכְט פַּאר אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, זִינְג אוּן

טַאנְץ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז, אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז אִין יֶעדְן דוֹר. אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג קֶענְסְטוּ בַּיי דִי לֶעכְט עֶפֶּעס טוֹעֵם זַיין, אוֹיךְ מֶעג מֶען טוֹעֵם זַיין פַּארְן צִינְדְן דִי לֶעכְט, נָאר נִישְׁט קוֹבֵעַ זַיין אַ סְעוּדָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ מַאכְן גֶעשְׁמַאק דִי מִצְוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה", וֶוער עֶס טוּט דִי מִצְוֹת פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט, "זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### גֵיי כְּסֵדֶר זִיךְ טוֹבֵלְ׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַ מַתָּנָה פַאר דִי חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, זֶע צוּ לֶערְנֶען אוּן חַזֶרְ׳ן דִי הֲלָכוֹת צוּ קֶענֶען הִיטְן דִי הֲלָכוֹת וְהַרְחָקוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דֶער צַדִיק, דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶע׳חַזֶר׳ט דִי הֲלָכוֹת אִיבֶּער טוֹיזְנְט מָאל; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר, אַזֶעלְכֶע פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן דַארְפְן דָאס חַזֶרְ׳ן אוּן חַזֶרְ׳ן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא, גֵיי כְּסֵדֶר זִיךְ טוֹבֵלְ׳ן, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן טָאג וֶוען עֶס פֶעלְט אוֹיס.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ.

...

### גֶעבָּארְגְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

אֲנִי הַחוֹתֵם מַטָה הָאבּ גֶעבָּארְגְט פוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר דִי סַךְ פוּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער (50,000) צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דִי דִירָה נֶעבְּן דִי חֵדֶר בִּנְיָן

אוֹיף 39 טְשֶׁעסְטְנָאט אִין שְׁטֶעטְל, כְּדֵי דִי מוֹסָד זָאל הָאבְּן נָאךְ פְּלַאץ פַּאר וָואס מֶען דַארְף.

דִי זְמַן פוּן בַּאצָאלְן אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן תשפ״ז.

...

...

## גֶעבָּארְגְט הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער פַּאר דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

אֲנִי הַחוֹתֵם מַטָּה הָאבּ גֶעבָּארְגְט פוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער (100,000) צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דִי הוֹיז נֶעבְּן דִי חֵדֶר בִּנְיָן אוֹיף 39 טְשֶׁעסְטְנָאט, כְּדֵי דִי מוֹסָד זָאל הָאבְּן נָאךְ פְּלַאץ.

דִי זְמַן פוּן בַּאצָאלְן אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן תשפ״ז.

וְעַל זֶה בָּאתִי עַל הֶחָתוּם

...

...

## זָאלְסְט נִישְׁט רֵייכֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיךְ - דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֵייכֶערְן אוּן נִישְׁט זַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיט בָּחוּרִים וָואס רֵייכֶערְן; דוּ בִּיסְט אַ יוּנְגֶער אֵיידֶעלֶער בָּחוּר, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אֵיידְל.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ..., נֶעם זִיךְ גוּטֶע חֲבֵרִים, וָואס רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אוּן פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים. אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף דִיר, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט וַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ״אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״ - אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנח).

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, דוּ בִּיסְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט טִיף אִין מַיין הַארְץ, שְׁטַארְק זִיךְ אִין לֶערְנֶען בְּכָל יוֹם חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן אַ יוֹם תְּהִלִּים אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען זַייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַאלְט מִיט דִי שִׁעוּרִים אִין יְשִׁיבָה, בְּעִיקָר דִי שִׁעוּר הֲלָכָה, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זַייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט) ; זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁעוּר וִוי דֶער מַגִּיד שִׁעוּר לֶערְנְט פָאר טוּר בֵּית יוֹסֵף, רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים. אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דָאס אוֹיסְזֶען שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי אַסַאךְ בָּחוּרִים פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ לֶערְנֶען טוּר בֵּית יוֹסֵף, פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהֵייבְּן מִיט הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה, אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אָנְהֵייבּ, צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט דִי תּוֹרָה אַזוֹי זִיס, מֶען דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט (שָׁם, סִימָן יז) : "מַדּוּעַ לֹא תִּלְמַד", פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען ? "מַה תַּפְסִיד בָּזֶה", וָואס וֶועסְטוּ פַארְלִירְן ? אוּן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר אַרוֹיסְוַוייזְן אִיר פָּנִים וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

...

## שַׁאפְן פַּרְנָסָה פַאר אִידְן, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד וָואס דוּ טוּסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דוּ זָארְגְסְט פַאר דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה - זַיי צוּ טְרֶעפְן פַּרְנָסָה, שַׁאפְן פַאר אַלֶעמֶען דְזְשַׁאבְּס.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק י' מֵהִלְכוֹת מַתְּנוֹת עֲנִיִּים, הֲלָכָה ז) רֶעכְנְט אוֹיס בַּיי דִי אַכְט מַעֲלוֹת פוּן צְדָקָה, "מַעֲלָה גְדוֹלָה שֶׁאֵין

לְמַעְלָה מִמֶּנָּה", דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא גְרֶעסֶער'ס פוּן אִיר - "זֶה הַמַּחֲזִיק בְּיַד יִשְׂרָאֵל שֶׁמָּךְ, מַמְצִיא לוֹ מְלָאכָה", דֶער וָואס שַׁאפְט אַן אַרְבֶּעט פַאר אַן עָנִי, "כְּדֵי לְחַזֵּק אֶת יָדוֹ, עַד שֶׁלֹּא יִצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת לִשְׁאֹל", אַזוֹי דַארְף עֶר מֶער נִישְׁט בֶּעטְן פוּן מֶענְטְשְׁן צְדָקָה, "וְעַל זֶה נֶאֱמַר (וַיִּקְרָא כה-לה) 'וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ גֵּר וְתוֹשָׁב'", דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן אַ צְוֵויטְן, "'וָחַי עִמָּךְ', כְּלוֹמַר הַחֲזֵק בּוֹ עַד שֶׁלֹּא יִפֹּל וְיִצְטָרֵךְ", הֶעלְף אַ אִיד עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן, אוּן נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ הִילְף.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, אוּן זֶע ווִי דוּ קֶענְסְט נָאר הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְּקָרִים, דִי טַייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי שׁוֹין מִמֵּילָא הָאבְּן אַלֶעס; שְׁלוֹם בַּיִת, הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; ווַייל נָאר אַז מֶען הָאט פַּרְנָסָה הָאט מֶען מוֹחִין, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה וָואס וֶועט זַיין נָאר בִּזְכוּת צְדָקָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין סַנְהֶדְרִין צח.; רַמְבַּ"ם שָׁם, הֲלָכָה א): "אֵין יִשְׂרָאֵל נִגְאָלִין אֶלָּא בִּצְדָקָה, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה א, כז) 'צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וְשָׁבֶיהָ בִּצְדָקָה'".

...

## מַמָּשׁ בְּקָרוֹב גֵייעֶן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶנְק שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן צֶענְדְלִיגֶער בְּרִיוו, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, מַמָּשׁ בְּקָרוֹב - גֵייעֶן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא. עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן אַבִּיסְל אִינְטֶערֶעסַאנְט וָואס אִיז יֶעצְט מִיט דֶעם בְּרִיוו, אָבֶּער אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק גֶעבְּן קִינְדֶערְלֶעךְ בִּזְכוּת דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶנְק בֵּיידֶע טוּעֶן, אִיךְ ווִיל עֶנְק בְּעִיקָר בֶּעטְן עֶנְק זָאלְן נִישְׁט פַארְלִירְן עֶנְקֶער

אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן, עֶנְק זָאלְן וַוייטֶער זַיין שְׁטַארְק, גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן.

אִיךְ וַוייס אַז עֶס אִיז עֶנְק זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט וְכוּ׳ אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, עֶס וֶוערְט צוּרִיק טוּנְקֶל, עֶס קוּמְט אַ שְׁוַוארְצֶע וָואלְקְן וְכוּ׳, דָאךְ בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם מִיט אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן, אוּן פַארְטְרַייבְּט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, פַארְטְרַייבְּט דִי קְלִיפּוֹת וָואס ווִילְן עֶנְק אַרַיינְוַוארְפְן אִין יֵאוּשׁ.

דִי חֲנוּכָּה טֶעג קוּמֶען שׁוֹין, חֲנוּכָּה זָאלְן עֶנְק זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן ׳עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעָתֶיךָ׳.

נֶעמְט עֶנְק פָאר אַ גוּטֶע קַבָּלָה אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, נֶעמְט עֶנְק פָאר צוּ רוּפְן יֶעדְן טָאג עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל וְכַדוֹמֶה, וֶועלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין אַז עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן עֶנְק פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

...

### אַרוּמְשִׁיקְן שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן שִׁעוּרִים, נָאר מִיט רְשׁוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס דוּ טוּסְט מִיטְן אַרוֹיסְשִׁיקְן חִיזּוּק יוֹמִי, שַׁיין גֶעמַאכְט, מִיט בִּילְדֶער וְכוּ׳; דָאס קוּמְט אָן צוּ אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זִינְקֶען נֶעבֶּעךְ אִין בְּלָאטֶע, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ קוּקְן אִינֶעם טֶעלֶעפָאן, קָאמְפְּיוּטֶער, קְלִיפְּס, ווִידִיאוֹס, סְטֶעטוּס וְכוּ׳, אוּן פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַרַיין אַפָּאר רֵיינֶע וֶוערְטֶער, חִיזּוּק פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן דָאס מַאכְט זֵיי הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וְכוּ׳.

אָבֶּער אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, אוּן אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין מַאכְן חִיזּוּק יוֹמִי׳ס וְכוּ׳ פוּן מַיינֶע שִׁעוּרִים; דָאס קֶען נִישְׁט גֵיין דוּרְךְ יְחִידִים, דָאס מוּז גֵיין דוּרְךְ דֶעם מְנַהֵל אַבְרָהָם מֹשֶׁה אוּן דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה. עֶס הָאט

שׁוֹין פַּאסִירְט וֶוען יְחִידִים הָאבְּן גֶענוּמֶען שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דִי שִׁעוּרִים אוּן דָאס מְפַרְסֵם גֶעוֶועןְ, אוּן עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען נִישְׁט רִיכְטִיגֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ בֶּעטְן, אַז סַיי דִי אִידִישֶׁע חִיזוּק יוֹמִי, סַיי דִי עֶנְגְלִישֶׁע, סַיי דִי לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אוּן סַיי דִי סְפַּאנִישֶׁע ; אַלֶעס דַארְף וֶוערְן בַּאשְׁטֶעטִיגְט דוּרְךְ אַבְרָהָם מֹשֶׁה אוּן דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ מִיט דִי אַנְדֶערֶע וָואס מַאכְן דָאס וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט זֵיי, אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען אוֹיפְטוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן.

נָאךְ אַ נְקוּדָה ; דִי קָאפּ, דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה בַּיי הַפָּצָה קֶען נִישְׁט לִיגְן אִין גֶעלְט, אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט פוּן גֶעלְט - קֶען מֶען פַארְלוֹירְן וֶוערְן. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים, וִוי נָאר זֵייעֶר קָאפּ הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן גֶעלְט, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע מִתְנַגְדִים, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

...

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ וֵוייסְט אַלֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר מִינוּט - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זוּךְ דִיר אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, לֶעשׁ אוֹיס דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין דִיבּוּרִים - זָאלְסְטוּ זִיצְן אוּן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זָאגְן : "**אֵייבֶּערְשְׁטֶער דוּ וֵוייסְט אַלֶעס**" ; זָאג אִיבֶּער נָאר דִי וָוארְט '**אֵייבֶּערְשְׁטֶער דוּ וֵוייסְט אַלֶעס**'.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קלט, ד) : "כִּי אֵין מִלָּה בִּלְשׁוֹנִי", וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער וָואס צוּ רֶעדְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, דִי מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט, פַארְשְׁלָאסְן, זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער : "**הֵן ה' יָדַעְתָּ כֻלָּהּ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ וֵוייסְט אַלֶעס**", אוּן אַז מֶען זָאגְט אִיבֶּער פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר, וֶועט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, עֶס וֶועט אַרַיינְקוּמֶען גוּטֶע דִיבּוּרִים, "וַיִּפְתַּח פִּיו, וְיוּכַל לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו).

מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אַ כּוֹלֵל בּוֹקֶר אִין שְׁטֶעטְל צוּ לֶערְנֶען אַ שָׁעָה פַּארְן דַאוֶונֶען, פוּן זֶעקְס אִינְדֶערְפְרִי בִּיז זִיבְּן - ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, יוֹם תְּהִלִּים אוּן חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ. וואוּיל אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט אָן דִי טָאג מִיט אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן.

...

## אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ'**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶנְק ווילְן שׂוֹין אַ כַּלָּה מַאכְן עֶנְקֶער טַייעֶרֶע טָאכְטֶער ... תְּחְיֶ', אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם טְרַאכְטְן פוּן גָאר אַ גוּטֶער בָּחוּר פַאר אִיר, זִי אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע טַייעֶרֶע מֵיידְל, עֶס קוּמְט אִיר גָאר אַ חָשׁוּבְ'עֶר בָּחוּר, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בְּקָרוֹב צוּרִיק קוּמֶען צוּ עֶנְק.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִּים בִּיז אַהֶער, וֶועט אִיר זֶען נָאךְ נִסִּים.

...

## גֶעפַאלֶענֶע, צֶעקְלַאפְּטֶע, אוּן צֶעפְּלִיקְטֶע, שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל מָאנְרָא**

וֶוען עֶס אִיז טִינְקְל אוּן שְׁטָאק פִינְסְטֶער אִיז דָא אֵיין עֵצָה; אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, דָאס מַאכְט לִיכְטִיג. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִיכָה ז, ח): "כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי", אַז אִיךְ זִיץ אִין דִי טִינְקְלְקֵייט - אִיז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַיין לִיכְט; אִיז דִּי עֵצָה - חַזֶר'ן דִּי אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אַלֶעס אִיז פַאר אוּנְזֶער גוּטְס, פַאר אוּנְזֶער תִּיקוּן; אַזוֹי וֶועט לִיכְטִיג.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַ רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים וָואס לָאזְן אוּנְז נִישְׁט פַאלְן, אַ רֶבִּי וָואס שַׁיינְט אַרַיין אִין אוּנְז אֱמוּנָה אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפַאלְן לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים, מִיר לִיגְן בִּרְשׁוּת הָרַבִּים, בִּמְקוֹם הַקְּלִפּוֹת, בִּדְיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה, אַז מִיר נִידְרִיגֶע גֶעפַאלֶענֶע צֶעקְלַאפְּטֶע אוּן צֶעפְּלִיקְטֶע - זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דִּי נֵס חֲנוּכָּה, אוּנְז אוֹיסְצוּהֵייבְן אוּן אוּנְז מְתַקֵּן זַיין.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִּיר.

...

### אִין זְכוּת פוּן "חֶבְרָה הַצָּלָה" וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זָארְגְן פַאר מִיר אַ גַאנְץ שַׁבָּת, פַארְן מִיר בְּרֶענְגֶען עֶסְן, סְפָרִים, אַ וַוארֶעמֶע קַאוֶוע אִינְדֶערְפְרִי. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט אִין שְׁפִּיטָאל מִיט מַיין טָאכְטֶער, אוּן וֶוען מֶען אִיז מִיט אַ קְלֵיין קִינְד אִין שְׁפִּיטָאל קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אֲפִילוּ פַאר אַ מִינוּט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּגֵיין צוּם בִּיקוּר חוֹלִים שְׁטוּבּ, הָאסְט מִיךְ מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט מִיטְן מִיר בְּרֶענְגֶען אַלֶעס.

אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיין זְכוּת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען אִין "חֶבְרָה הַצָּלָה", וָואס לוֹיפְן טָאג אוּן נַאכְט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן זֵיי צוּ הֶעלְפְן, בִּזְכוּת עֶנְק - הָאט מוֹהֲרַ"א"ש גֶעזָאגְט - וֶועט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

...

## רֶעדְן נָאר אִידִישׁ אִין בֵּית פֵיגָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת שֶׁתִּחְיוּ פוּן בֵּית פֵיגָא בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן פוּן עֶנְקֶערֶע טִיטְשֶׁערְס, בְּעִיקָר אַז עֶנְק פִירְן זִיךְ אֵיידְל מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן עֶס אִיז דָא אַחְדוּת צְוִוישְׁן עֶנְק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס וָואס עֶנְק טוּעֶן.

אִיךְ וִויל עֶנְק בֶּעטְן אַ טוֹבָה וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ׳עֶ זַאךְ אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר וֶועט מִיר דָאס טוּן; אִיךְ וִויל עֶנְק בֶּעטְן עֶנְק זָאלְן רֶעדְן אִין אִידִישׁ, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא צְוִוישְׁן עֶנְק שְׁטִיבֶּער וואוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט אִידִישׁ, זָאלְן עֶנְק כָּאטְשׁ אִין בֵּית פֵיגָא רֶעדְן נָאר אִידִישׁ; דִי שְׁפְּרַאךְ אִידִישׁ אִיז הֵיילִיג, דִי שְׁפְּרַאךְ הָאבְּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן גֶערֶעדְט אִין אַלֶע דוֹרוֹת, אִין אַלֶע צַייטְן, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז עֶנְק וֶועלְן רֶעדְן נָאר אִידִישׁ, אוּן זִיכֶער צְוִוישְׁן דִי וֶוענְט פוּן בֵּית פֵיגָא.

אִיךְ וַוארְט יֶעדֶע וָואךְ צוּ בַּאקוּמֶען פוּן מָרַת לֶעווִי בְּרִיוו פוּן עֶנְק.

הַצְלָחָה רַבָּה.

...

## צוּגֶעזָאגְט צוּ גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי בְּרִית זָאל זַיין אִין צַייט, אוּן עֶנְק זָאלְן מְגַדֵּל זַיין דֶעם קִינְד אוּן אַלֶע עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

בְּנוֹגֵעַ דִי נָאמֶען; גֶעבּ אַ נָאמֶען יְשַׁעְיָה, וַוייל אַז דַיין וַוייבּ הָאט

צוּגֶעזָאגְט צוּ גֶעבְּן נָאכְן צַדִּיק רֶבִּי יְשַׁעְיָ' מִקֶערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דַארְף מֶען אַיינְהַאלְטְן דִי צוּזָאג, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט צוּרִיק צִיעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה אִין דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט פְּשַׁט אִין וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד), דִי יְוָנִים הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אַיינְקְרִיצְן אִין דִי הָארְן פוּנֶעם אָקְס "שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל"; וָואס עֶפֶּעס אוֹיפְן הָארְן פוּנֶעם אָקְס? נָאר מֶען פְלֶעגְט נִיצְן אַ קֶרֶן, אַ הָארְן - צוּ מַאכְן אַ בָּאטְל פַאר קִינְדֶער צוּ טְרִינְקֶען, דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז דִי קְלֵיינֶע פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער זָאל אוֹיפְוַואקְסְן מִיט כְּפִירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז - אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן וְוִי אִיר לֵייגְט אַרַיין פִיל וַוארֶעמְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער, בִּפְרָט אִין דִי קְלֵיינֶע; וְוִי אִיר מַאכְט הֶערְלִיכֶע נִיגוּנִים וָואס פִּילְט אָן דִי קִינְדֶער מִיט אַזוֹיפִיל תּוֹכֶן. אִיךְ וְוִיל בֶּעטְן אַז אִין יֶעדֶע נִיגוּן אוּן אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס וֶוערְט גֶעטוּן אִין בֵּית פֵיגָא זָאל מֶען אַרַיינְלֵייגְן דִי אֱמוּנָה, וַוייל לוֹיט וָואס טוּט זִיךְ יֶעצְט אִין דִי וֶועלְט, דִי גְרוֹיסֶע בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן מִינוּת וּכְפִירָה, דַארְף מֶען בְּרָאקְן אוּן פְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה; יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען זִינְגֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ אַלֶע סֵיינְס (טָאוְולֶען) דַארְפְן אוֹיסְשְׁרֵייעֶן 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער'; וַוייל נָאר דָאס דַארְפְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, נָאר אֱמוּנָה, צַדִּיק, תְּפִלָּה וְכוּ'.

...

## גֵיין מִיט דִי וַוייבּ צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין וַוייבּ ווִיל גֵיין שַׁבָּת אִין מִירוֹן מִיט מִשְׁפָּחָה - פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין? דָאס אִיז נִישְׁט סוֹתֵר וָואס מִיר רֶעדְן כְּסֵדֶר, ווייל דָאס וָואס דוּ הֶערְסְט בַּיי דִי שִׁעוּרִים אַז שַׁבָּת אִיז גוּט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ - דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר דִיר, פַאר דַיין מֹחַ, דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זוּכְן צוּ לוֹיפְן וְכוּ׳; אָבֶער אַז דַיין וַוייבּ ווִיל גֵיין - אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט אִיר.

אַוַדַאי אִיז דָאס בֶּעסְטֶע אוּן דָאס גֶעזוּנְטְסְטֶע צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ שַׁבָּת, עֶס אִיז גֶעזוּנְט פַאר יֶעדְן; פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶער אַז דִי וַוייבּ ווִיל אַמָאל גֵיין אַ שַׁבָּת, וּבִפְרַט קַיין מִירוֹן - וָואלְסְטוּ יָא גֶעדַארְפְט גֵיין, וָואלְטְן בֵּיידֶע פַארְדִינְט; זִי וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין מִיט אִיר מִשְׁפָּחָה, אוּן דוּ וָואלְסְט גֶעקֶענְט זִיצְן אִין דִי מַעֲרָה לֶערְנֶען תִּיקוּנִים אוּן זָאגְן תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ דַארְף אַרָאפְּלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן, מַיין מַאן אִיז דָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט פְרֵיילִיךְ אוּן גְלִיקְלִיךְ, עֶס אִיז אַזוֹי זִיס דָאס לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, אוּן אַז מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת אִיז דָאס לֶעבְּן מַמָּשׁ אַ חָלוֹם, אוּן אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי אוֹיבֶּער חֲכָמִים

וָואס טַאפְּן אִין דִי טוּנְקֶל, דִי חָכְמוֹת זֵייעֶרֶע נֶעמְט זֵיי אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אִיר קֶענְט אִיר זָאגְן אַז אִיר דַארְפְט שׁוֹין אַרָאפְּלֵייגְן דִי טֶעלֶעפָאן וַוייל אַייעֶר מַאן אִיז דָא, עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר קְלוּג צוּ זָאגְן פַאר אַ חַבֶר'טֶע וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף רֶעדְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן: 'אִיךְ דַארְף אַרָאפְּלֵייגְן וַוייל מַיין מַאן אִיז דָא'.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אוּן אוֹיךְ זָאגְט שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שַׁבָּת אִין שְׁפִּיטָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע תּוֹרוֹת פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס הָאט שׁוֹין דֶעם פֵּירוּשׁ אוֹיף אִידִישׁ פוּן 'שְׂפָתַי תִּפְתָּח' אוּן דָאס מַגִּיהַּ זַיין, אַז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען דְרוּקְן אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן; דָאס וֶועט זִיכֶער מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע דוּרְכְבְּרוּךְ בַּיי דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נָאכְנִישְׁט דִי תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי'ן, פַאר דִי וָואס דַארְפְן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד זָאל דָאס זֵיי אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף מִשְׁלֵי אוּן דָאס בַּאַרְבֶּעטְן אוֹיף אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דֶערְפוּן אַ סֵפֶר, דָאס זֶענֶען הֶערְלִיכֶע עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל גֶעבּוֹיט מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לוֹיט וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט אִין לֶעבְּן.

גֶעבּ אַ נָאמֶען דֶעם סֵפֶר "אִישׁ תְּבוּנָה", אוֹיפְן פָּסוּק אִין מִשְׁלֵי (כ, ה): "מַיִם עֲמוּקִים עֵצָה בְלֶב אִישׁ וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה", וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צג, ד), אַ מָשָׁל צוּ אַ טִיפֶע בְּרוּנֶעם וָואס

אִיז דָא אִין אִיר פֵיינֶע וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען, אָבֶּער קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דִי וַואסֶער עֶס אִיז זֵייעֶר טִיף אִין דֶער עֶרְד, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער און צוּגֶעבִּינְדְן אַ דִיקֶע שְׁטְרִיק צוּ אַ צְוֵוייטֶע דִיקֶע שְׁטְרִיק, און צוּם דִיקֶע שְׁטְרִיק הָאט עֶר צוּגֶעבִּינְדְן אַ דִינֶערֶע שְׁטְרִיק און צוּ דֶעם הָאט עֶר צוּגֶעבִּינְדְן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט בֶּענְדְל, און אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּשֶׁעפְּן דִי וַואסֶער, און נָאכְדֶעם הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי וַואסֶער, הָאבְּן אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן שֶׁעפְּן וַואסֶער און זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי וַואסֶער, דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: "מַיִם עֲמוּקִים עֵצָה בְּלֵב אִישׁ", אַזוֹי ווִי טִיפֶע וַואסֶער, אַזוֹי אִיז דִי עֵצָה בַּאהַאלְטְן אִין דִי הַארְץ פוּנֶעם קְלוּגְן מֶענְטְשׁ, "וְאִישׁ תְּבוּנָה יִדְלֶנָּה", און אַ פַארְשְׁטַאנְדִיגֶער מֶענְטְשׁ שֶׁעפְּט עֶס אַרוֹיס; מֶען קֶען אַזוֹיפִיל שֶׁעפְּן פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען דַארְף נָאר דֶעם 'אִישׁ תְּבוּנָה' זָאל בַּאוַוייזְן ווִי אַזוֹי מֶען שֶׁעפְּט אַרוֹיס דֶערְפוּן; 'אִישׁ תְּבוּנָה' דָאס אִיז מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט אוּנְז גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען שֶׁעפְּן פֵיינֶע פְרִישֶׁע זִיסֶע וַואסֶער און דָאס טְרִינְקֶען, לֶעבְּן אַ זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, און אִין דִי וָוארְט אִ'י'שׁ' אִיז מְרוּמָז מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען, און אוֹיךְ מַיין נָאמֶען.

אִיךְ הָאבּ דִיר אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן ווִי אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, ווִי מוֹהֲרָא"שׁ רַאטֶעוֶועט מִיךְ אָפּ יֶעדֶע רֶגַע; נָאר פַאר פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת, פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח - אִיז מִיר שׁוֹין כְּדַאי גֶעוֶוען אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער בַּיי מַיין הִתְקָרְבוּת; צוּ ווִיסְן פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, ווִי מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט עֶס מִיט אוּנְז.

שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶעס אִיז פֵיין, אַלֶעס אִיז גוּט מִיט מִיר און מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ עֶס פְרֵייטָאג אִינְדֶערְפְרִי, מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין קְלֵיין טָאכְטֶער זָאגְט אִיר פִּיס טוּט אִיר וֵויי, זִי פְרֶעגְט מִיר אוֹיבּ אִיךְ וויל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם דָאקְטֶער קוּקְן אֶפְשָׁר הָאט זִי סְטְרֶעפְּט, וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען בִּיז דִי פִּיס, וַוייל אָנְהֵייבּ וָואךְ הָאט זִי זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט גֶעשְׁפִּירְט, זִי הָאט גֶעהַאט אַבִּיסְל פִיבֶּער. אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער צוּם דָאקְטֶער, און דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הַאלְט

מֶען זָאל אַרַיינְגֵיין אִין שְׁפִּיטָאל. מִיר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן גְלַייךְ רוּפְן אַן אַמְבּוּלַאנְס אוּן גְלַייךְ אַרַיינְפָארְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ וִויל אַהֵיים גֵיין זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין אוּן מִיר וֶועלְן פָאלְגְן. לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר יוֹאֵלִי לֶעוִוי, אוּן עֶר הָאט מִיךְ גֶענוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטֶע דָאקְטֶער אוּן דֶער צְוֵוייטֶער דָאקְטֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דָאקְטֶער, לְמַעֲשֶׂה הָאט מִיךְ יוֹאֵלִי לֶעוִוי גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען מִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁפִּיטָאל.

אִיךְ בִּין אַהֵיים אוּן זִיךְ שְׁנֶעל אָפְּגֶעשׁוֹיעֶרְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט עֶס אִיז אַ קוּרְצֶע פְרַייטָאג, אוּן אַז אִיךְ וֶועל אַהֵיים קוּמֶען בַּיים זְמַן וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען מְקַיֵּם זַיין דִי מִצְוָה פוּן זִיךְ וַואשְׁן לְכָבוֹד שַׁבָּת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעטוּן פְרִישֶׁע וֶועשׁ אוּן אַיינְגֶעפַּאקְט אַבִּיסְל עֶסְן מִיט אַ וַוייסֶע פָּאר זָאקְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אוֹיף שַׁבָּת.

מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוֹדֵק זַיין מַיין טָאכְטֶער, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט מִיט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ דָאס גֶעצוֹיגְן אוּן אִיךְ זֶע מִיךְ אִין שְׁפִּיטָאל אַז אָט וֶוערְט שׁוֹין דֶער זְמַן, אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַלֶע מֻקְצֶה זַאכְן פוּן טַאשׁ אוּן דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ טַאשְׁקֶע אוּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן לְכָבוֹד שַׁבָּת דִי וַוייסֶע זָאקְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען תְּפִלַּת מִנְחָה, אַ סִידוּר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן דֶעם קַאפִּיטְל הוֹדוּ, אִיךְ בִּין פַארְמִישְׁט גֶעוָוארְן וֶוען מֶען זָאגְט 'וַיִּזְעֲקוּ אֶל הַשֵּׁם' מִיט אַ ז' אוּן וֶוען מֶען זָאגְט 'וַיִּצְעֲקוּ אֶל הַשֵּׁם' מִיט אַ צ', וֶוען זָאגְט מֶען 'מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יַצִּילֵם' אוּן וֶוען 'מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יוֹשִׁיעֵם', אוּן וֶוען זָאגְט מֶען גָאר 'וּמִמְּצֻקוֹתֵיהֶם יוֹצִיאֵם', אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם קַאפִּיטְל אוּן גֶעדַאוֶוענְט וַוייטֶער, פוּן יְדִיד נֶפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'מַאךְ מִיר אַ נֵס אֵיינֶער זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען אַ סִידוּר', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם סְפָרִים; עֶרְשְׁט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אִיךְ וֶועל נֶעמֶען פוּן דִי בִּיקוּר חוֹלִים שְׁטִיבְּל, אָבֶּער הֱיוֹת אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַוֶועק גֵיין אֲפִילוּ פַּאר אֵיין מִינוּט, מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט קֵיין עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג וְכוּ'.

פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ שַׁבָּת גוֹי, עֶר הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ זֶעקֶל מִיט עֶסְן; אַיינְגֶעפַּאקְט צְוֵויי בִּילְקֶעלֶעךְ, פִישׁ מִיט וַוארֶעמֶע זוּפּ, מִיט אַבִּיסְל מְזוֹנוֹת. (נָאךְ שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוָוואר גֶעוָוארְן, אַז דֶער דַיָין הָאט גֶעבֶּעטְן בִּנְיָמִין פָאלְלמַאן פוּן דִי חֶבְרָה שׁוֹמְרִים, זֵיי הָאבְּן שַׁבָּת גוֹיִם וָואס הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן לְעֵת הַצּוֹרֶךְ, דֶער דַיָין הָאט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ בִּין אִין שְׁפִּיטָאל, אִיךְ הָאבּ אִים גֶערוּפְן פְרֶעגְן דִי הֲלָכוֹת אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דַארְפְן בְּלַייבְּן אִין שְׁפִּיטָאל בִּיז שַׁבָּת, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַהֵיים קוּמֶען שַׁבָּת, דֶער דַיָין הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען מֶעג אַהֵיים גֵיין אוֹיבּ מֶען הָאט אַ קְלֵיין קִינְד, דֶער דַיָין הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זָארְגְן פַאר מִיר אַז אֵיינֶער זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען עֶסְן).

אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעפְרֵייט אַז מֶען הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט עֶסְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ שִׁיעֶר נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען פוּן גְרוֹיס צַעַר, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אַז יֶעדֶע מִינוּט זָאל דֶער דָאקְטֶער קוּמֶען זָאגְן אַז אִיךְ קֶען אַהֵיים גֵיין, אוּן אַז מֶען בְּרֶענְגְט מִיר אַ פֶּעקֶל עֶסְן מֵיינְט דָאס אַז מֶען הָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ אַז אִיךְ גֵיי דַארְפְן בְּלַייבְּן, אָבֶער הֱיוֹת מֶען טָאר נִישְׁט וֵויינֶען שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן נִישְׁט צוּ וֵויינֶען, אִיךְ הָאבּ מַסִּיחַ דַּעַת גֶעוֶוען פוּן דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְגֶען נִגּוּנֵי שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְגֶען פַאר מַיין טָאכְטֶער דִי קִינְדֶער נִיגוּנִים פוּן שַׁבָּת, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער מַיינֶע לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַפָּאר נֶעמֶען וָואס אִיךְ הָאבּ דָאס דוּרְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעטוּן אוּן פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אַזוֹי גֶעמַאכְט.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען מִתּוֹךְ כַּעַס חַס וְשָׁלוֹם, נָאר נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן נָאכְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן וִויסְן אַז מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ יֶענֶעם קֶענֶען הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט עֶסְן דִי סְעוּדָה, וַוייל אָט אָט גֵיי אִיךְ אַהֵיים אוּן טַאקֶע אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, דֶער דָאקְטֶער קוּמְט זָאגְן אַז מֶען הָאט

אַלֶעס אִיבֶּער גֶעקוּקְט און עֶס זֶעט אוֹיס ווי מֶען גֵייט אַהֵיים, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און שׁוֹין גֶעמַאכְט מַיינֶע פְּלֶענֶער ווי אַזוֹי אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען אַהֵיים; אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶרְשְׁט אַרוֹיפְגֵיין מִיט מַיין טָאכְטֶער און נָאכְדֶעם אַרָאפְּקוּמֶען גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיךְ וואוֹין דָאךְ זִיבְּן שְׁטָאק אַרוֹיף, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג אַרָאפְּצוּגֵיין און אַרוֹיפְגֵיין, אָבֶּער נָאךְ אַפָּאר מִינוּט קוּמְט אַ צְוֵוייטֶער און זָאגְט: "נֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט אַהֵיים גֵיין, וַוייל מֶען אִיז חוֹשֵׁשׁ אוֹיף עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, און מֶען גֵייט מָארְגְן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג מַאכְן שְׁוֶוערֶע לַאנְגֶע בְּדִיקוֹת וָואס נֶעמְט אַפָּאר שָׁעָה", אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה".

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן פְּלֶענֶער ווי אַזוֹי צוּ מַאכְן דִי שַׁבָּת סְעוּדָה, אַ טִישׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, וַוייל בִּיז אַהֶער בִּין אִיךְ נָאךְ גֶעוֶוען אִין עֶמֶערְדְזְשֶׁענְסִי שְׁטוּבּ אוּנְטְן, אַ בֶּענְקְל הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אֵיינֶער זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען נָאכְן שְׁטֵיין אַפָּאר שָׁעָה, וַוויין הָאט מֶען מִיר נִישְׁט אַיינְגֶעפַּאקְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל מַאכְן קִידוּשׁ אוֹיף דִי חַלוֹת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי סִינְק (קְרַאן) אַרְבֶּעט דוּרְךְ לֶעקְטֶער, דוּרְכְן לֵייגְן דִי הֶענְט בַּיים סִינְק הֵייבְּט אָן רִינֶען וַואסֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען וַואשְׁן', און בֵּין כַּךְ בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן יֶענֶעם טָאג. אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים אַרַיינְגַאנְג, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר וֶועט קוּמֶען אַ אִיד, וֶועל אִיךְ אִים בֶּעטְן אַ טוֹבָה עֶר זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פוּן בִּיקוּר חוֹלִים שְׁטוּבּ צוּ קִידוּשׁ מַאכְן.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַ אִיד זָאל קוּמֶען", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין רִיכְטִיגֶע תְּפִלּוֹת, פַארְוָואס זָאל אַ אִיד קוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, נֵיין, הֶעלְף אַז קֵיין אֵיין אִיד זָאל נִישְׁט קוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אַלֶע זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן גוּט; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ דַארְף וַויין פַאר קִידוּשׁ, אָדֶער וַואסֶער זִיךְ צוּ קֶענֶען וַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם און מַאכְן קִידוּשׁ אוֹיף דִי חַלוֹת", און דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין קִינְד אִין שְׁפִּיטָאל, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיךְ מִיט זַיין וַוייבּ, מִמֵּילָא הָאט עֶר גֶעקֶענְט גֵיין אוּן קוּמֶען, אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְד מִיט דִי מַאמֶע, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן אַ טוֹבָה עֶר זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען סַיי וַויין אוּן סַיי וַואסֶער פַאר נְטִילַת יָדַיִם. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע קִידוּשׁ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעוָואלְט וַואשְׁן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז מֶען גֵייט מִיךְ שׁוֹין יֶעצְט אַרוֹיפְטְרָאגְן אִין שְׁטוּבּ, דָארְט וֶועט זַיין אַ טִישׁ וֶועל אִיךְ קֶענֶען גֶעהֶערִיג עֶסְן, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן אַבִּיסְל מְזוֹנוֹת, אוּן גֶעפִּיטֶערְט מַיין טָאכְטֶער אַבִּיסְל עֶסְן.

סְפָרִים הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט, אָבֶּער מַיין מוֹיל הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט אוּן גֶעבֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִיךְ הֵייבּ אָן וֶוערְן מִיד, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אָפְּשְׁטוּפְּן דִי סְעוּדָה, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ עֶס אִינְגַאנְצְן נִישְׁט מַאכְן. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען וַואסֶער אוּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעמַאכְט לֶחֶם מִשְׁנָה, דִי עֶסְן הָאבּ אִיךְ גֶעלֵייגְט אוֹיפְן בֶּעט וואוּ מַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעלֶעגְן, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן פִישׁ, מִיט אַבִּיסְל זוּפּ, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת שֵׁיין אוּן הוֹיךְ, דִי שְׁכֵנִים דִי גוֹיִם הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט ווִי אִיךְ זִינְג, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְגֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְגֶען כַּמָּה נִיגוּנִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דֶעם אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קד), זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז עִיקָר אִידִישְׁקֵייט, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מְקַיֵּים לִכְבוֹד שַׁבָּת אוּן אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַיין בֶּעקִיטְשֶׁע מִיט מַיין שְׁטְרֵיימְל אוּן נִישְׁט קֵיין וַוייסֶע טִישְׁטוּךְ אוּן נִישְׁט קֵיין שַׁבָּת לֶעכְט - דָאךְ זִינְג אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זְמִירוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּ אִים מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז (טוּרֵי זָהָב אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפח, סְעִיף קָטָן ב), מֶען מֶעג וֵויינֶען שַׁבָּת פוּן בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר וֵויינֶען פוּן וֵוייטָאג טָאר מֶען נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעוַואשְׁן מַיִם אַחֲרוֹנִים אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן

אוֹיסְנֶווייניג אָן קֵיין סִידוּר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, און מֶען הָאט מִיךְ אַרוֹיפְגֶעטְרָאגְן אוֹיפְן דְרִיטְן שְׁטָאק און גֶעגֶעבְּן אַ צִימֶער.

דָארְט הָאט מִיךְ אַ נוֹירְס בַּאגְרוּסְט גוּט שַׁבָּת, זִי הָאט אוֹיסְגֶעזֶען צוּ זַיין אַ אִידִישׁ קִינְד, זִי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זִי קוּמְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעפְרֶעגְט וָואס זֶענֶען דִי פְּלֶענֶער, כְּדֵי צוּ וִויסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאל מִיךְ מְסַדֵּר זַיין מִיט מַיינֶע פְּלֶענֶער, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז צְוֶועלְף אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט וֶועט מֶען דַארְפְן גֵיין פַאר בְּדִיקוֹת, און נָאכְדֶעם וֶועט מֶען וַוארְטְן בִּיז אִינְדֶערְפְרִי.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע און זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט קֵיין בֶּעט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּענְקֶל וָואס מֶען קֶען אוֹיפְהֵייבְּן דִי פִּיס.

בְּעֶרֶךְ עֶלְף אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט אִיז יוֹאֵלִי לֶעוִוי גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז וֶוען עֶר קוּמְט אַרֵיינְפִירְן אַ פַּאצִיעֶנְט אִין שְׁפִּיטָאל וֶועט עֶר קוּמֶען מִיר בַּאגְרִיסְן, עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ בַּאקְס מִיט עֶסְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים נָאר זִיךְ בַּאדַאנְקְט. אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען דִי נוֹירְסֶעס גֶעקוּמֶען נֶעמֶען דִי וַוייטָלְס הָאט מַיין טָאכְטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, אַזוֹי אִיז יֶעדֶע מָאל גֶעוֶוען, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִיר עֶנְדְלִיךְ בַּארוּאִיגְט אִיז מֶען גֶעקוּמֶען נָאכְאַמָאל אוֹיפְוֶועקְן און זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעדַארְפְט בַּארוּאִיגְן, און אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אוֹיס מִיד. אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען אִין דִי בַּאקְס אַ סִידוּר מִיט אַ חוּמָשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵייט, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַ סִידוּר, אַ תְּהִלִּים, אַ חוּמָשׁ; אַ מְחַיֶ׳, אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַבִּיסְל לֶערְנֶען און אַבִּיסְל דַאוֶונֶען, אִיךְ הָאבּ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעזָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט עֶרֶב שַׁבָּת אַ סִידוּר צוּ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה גֶעוֶוען צוּ זִינְגֶען דֶעם גַאנְצְן שִׁיר הַשִּׁירִים, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דָא אִיז דָאךְ אַ פַּאסִיגֶע פְּלַאץ צוּ זִינְגֶען שִׁיר הַשִּׁירִים, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן פט): ״עַל יְדֵי שִׁיר הַשִּׁירִים נִמְתָּקִים הַדִּין״, דוּרְךְ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים וֶוערְט זִיס אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם עֶר זָאל זָאגְן שִׁיר

הַשִּׁירִים, דָאס וֶועט זַיין אַ סְגוּלָה אוֹיסְצוּהֵיילְן דֶעם חוֹלֶה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמג): "כָּל הָרְפוּאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם", אַלֶע רְפוּאוֹת פוּן דִי וֶועלְט, "כּוּלָם כְּלוּלִים בְּשִׁיר הַשִּׁירִים", אַלֶעס לִיגְט אִין שִׁיר הַשִּׁירִים, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט תַּרְגוּם, אִיךְ הָאבּ דָאס נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעעֶנְדִיגְט. גֶעוֶוענְלִיךְ עֶנְדִיג אִיךְ דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה דָאנֶערְשְׁטָאג, אָבֶער דִי וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט מַיין קְלֵיינֶעם עַמְרָם, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, בִּיז מַיין וַוייבּ אִיז אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל דָאנֶערְשְׁטָאג נָאכְמִיטָאג אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י אוֹיף דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, אוּן בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען אִיז מִיר אַרַיינְגֶעקוּמֶען שֵׁיינֶע חִידוּשִׁים, גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי הַקְדָמוֹת פוּן רֶבִּי'ן, (אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וֶועל אִיךְ דִיר דָאס שְׁרַייבְּן).

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַ סִידוּר, הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט מִיטְן סִידוּר, אַ טַלִית הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט, אִינְמִיטְן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַפָּאר חֲבֵרִים פוּן דִי הַצָּלָה, אוֹיךְ יוֹאֵלִי לֶעוִוי. זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ פָּאר-פָּאלְק אִין שְׁפִּיטָאל, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט פוּן בִּיקוּר חוֹלִים שְׁטוּבּ אַ פֵיינֶע וַוארֶעמֶע קַאוֶוע, אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ סֶעט מִשְׁנָיוֹת, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, וַוייל פוּן גְרוֹיס יָאגֶענִישׁ פְרַייטָאג, בַּיים זִיךְ יָאגְן צוּ גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן פוּן טְרַאכְטְן אַז אִיךְ גֵיי מִן הַסְתָּם נָאר פַאר דְרַיי פִיר שָׁעָה - הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מִיט גֶענוּמֶען קֵיין סְפָרִים, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע צַעַר. אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי מִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ וַוייטֶער גֶעדַאוֶוענְט.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט קִידוּשׁ אוּן גֶעגֶעסְן אַבִּיסְל מְזוֹנוֹת, אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, צְוֵויי מַסֶכְתוֹת, מַסֶכֶת יְבָמוֹת אוּן מַסֶכֶת כְּתוּבּוֹת. נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס זֶעט אוֹיס אַז אַלֶעס אִיז פֵיין אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט דַארְפְן מַאכְן קֵיין שׁוּם בְּדִיקוֹת, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי חֲצוֹת בִּין אִיךְ אַהֵיים - לוֹיט וִוי דֶער דַיָּין הָאט מִיר גֶע'פַּסְקְ'נְט פַאר שַׁבָּת, אַז אֵיין

גוֹי זָאל בֶּעטְן אַ צְוֵוייטֶע גוֹי זָאל מִיר אַהֵיים נֶעמֶען; אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה. מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאךְ מֶער גֶעפְרֵייט, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט קִידוּשׁ אוּן גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה, גֶעכַאפְּט אַ דְרִימְל אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אִיךְ דֶערְצֵייל דִיר מַיין שַׁבָּת, וַוייל נָאר פַאר אַיין אַזַא שַׁבָּת הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעלוֹינְט דִי הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן, נִישְׁט הָאבְּן קֵיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט וָואס מֶען הָאט, אוּן ווִיסְן אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע מַצָּבִים, ווִי מֶען קֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי נֵס פוּן עֶרֶב חֲנוּכָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶרֶב חֲנוּכָּה אִיז אוּנְזֶער יוֹם טוֹב, וַוייל פַאר צְוֵויי אוּן זֶעכְצִיג יָאר צוּרִיק עֶרֶב חֲנוּכָּה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דִי לִיכְטִיגֶע הֵיילִיגֶע בְּרִיווּ פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶרֶב חֲנוּכָּה שְׁנַת תשכ"ד הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּלוּצְלוּנְג קְלַאפְּן אִין טִיר בָּחוּרִים, זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ זֵייעֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, ווִי זֵיי רַאנְגְלֶען זִיךְ מִיטְן שָׂרוֹ שֶׁל עֵשָׂו, ווִי זֵיי פַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים עֶר זָאל שְׁרַייבְּן הִתְחַזְּקוּת אִין דֶעם פְּרַט פַאר אַלֶע וָואס פַאלְן אִין דִי עֲבֵירוֹת; וּמַעֲשֶׂה

שֶׁהָיָה כַּךְ הָיָה, יֶענֶעם יָאר, שְׁנַת תשכ״ד, נָאנְט צוּ חֲנוּכָּה חָלוֹמְ׳ט זִיךְ פַּאר מוֹהֲרַא״שׁ וִוי עֶר זֶעט דֶעם רֶבִּי׳ן שְׁפַּאצִירְן מִיט מוֹהַרְנַ״תּ, עֶר זֶעט וִוי דֶער רֶבִּי רֶעדְט מִיט אִים עֶפֶּעס אַ טִיפֶע זַאךְ, אוּן מוֹהֲרַא״שׁ אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי׳ן, זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי׳ן אַז בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן אִים וָואס גֵייט אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער, זֵייעֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעוֵויינְט צוּם רֶבִּי׳ן אַז מֶען שְׁרַייבְּט אִים בְּרִיווּ אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס זֵיי צוּ עֶנְטְפֶערְן, אוּן מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי מוֹהַרְנַ״תּ אִיז בֵּייז פַארְוָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעהַאקְט זֵייעֶר שְׁמוּעֶס, עֶר הָאט גֶעוִוינְקֶען פַּאר מוֹהֲרַא״שׁ זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקוּקְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל אוּן גֶעוִוויזְן פַּאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אִים לָאזְן אוֹיסְרֶעדְן, אוּן מוֹהֲרַא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי׳ן וָואס גֵייט פָאר אִין דֶעם דוֹר, דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן אַרִיבֶּער, מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל בִּפְגָמֵי הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - "וָואס זָאל אִיךְ זֵיי זָאגְן? וָואס זָאל אִיךְ זֵיי שְׁרַייבְּן?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שְׁרַייבּ, שְׁרַייבּ זֵיי, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן שְׁרַייבְּן שֵׁיינֶע זַאכְן", אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶענֶען זֵיי נֶעלְם גֶעוָוארְן. קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל (חֵלֶק כא, מִכְתָּב ג׳ קיז).

הַיינְט עֶרֶב חֲנוּכָּה אִיז גֶעשֶׁען דִי נֵס אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין אוּנְזֶער דוֹר צוּ אַזֶעלְכֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי אָפְּן מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער נִידְרִיגְסְטֶער אוּן גֶעפַאלֶענֶער, אַז עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי בְּרִיווּ וֶועט אִים לִיכְטִיג וֶוערְן; בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁעוּר צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט אַז מֶען הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט פַּאר מוֹהַרְנַ״תּ דֶעם סֵפֶר ׳שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית׳ פוּנֶעם שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ כָּל בּוֹ, וַוייל עֶס פַארְמָאגְט אִין זִיךְ אַלֶעס; דְּרוּשׁ, חֲסִידוּת וְכוּ׳, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים ׳לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת׳: "מַיינֶע סְפָרִים אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס גַּן עֵדֶן", וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת וֶוערְט מֶען אַזוֹי מְחוּזָּק אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אִין גַּן עֵדֶן, אוּן מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר

בַּנַחַל איז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס", וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַזַא שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט ווי דֶער סֵפֶר; וואוּ מֶען עֶפְנְט נָאר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרִיוו זֶעט מֶען דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה און מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ הָאט מוֹהֲרַ"ש גֶעזָאגְט: "אִיךְ פְּלֶעג זֶען אִינְגֶעלַייט זוּכְן און נִישְׁטֶערְן אִין סְפָרִים צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס הִתְחַזְּקוּת; מֶען מִישְׁט אַהֶער און מֶען מִישְׁט אַהִין, מֶען זוּכְט וואוּ קֶען מֶען טְרֶעפְן אַבִּיסְל חִיזוּק, מֶען זוּכְט אַ וָוארְט אָדֶער אַ רֶמֶז אַז מֶען קֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְט אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ וֶועל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע סְפָרִים וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט דַארְפְן מִישְׁן אַהֶער און אַהִין, מֶען וֶועט נִישְׁט דַארְפְן זוּכְן הִתְחַזְּקוּת, נָאר וואוּ מֶען וֶועט נָאר עֶפֶענֶען דֶעם סֵפֶר וֶועט מֶען גְלַייךְ טְרֶעפְן וָואס מֶען דַארְף צוּ קֶענֶען וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

הַיינְט נַאכְט צִינְדְט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע לֶעכְטְל, בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג זִיךְ אָנְצוּטוּן שְׁטְרַיימְל און בֶּעקִיטְשֶׁע, מֶען וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט, מֶען זָאגְט דֶעם לְשֵׁם יִחוּד, מֶען רוּפְט צַאם אַלֶע קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן זֶען ווי דֶער טַאטֶע צִינְדְט אָן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְטֶלֶעךְ, אוֹיךְ וַוארְט מֶען אוֹיף דִי וַוייבּ זִי זָאל זַיין גְרֵייט, זִי זָאל זִיךְ אוֹיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, וַוייל זִי אִיז יוֹצֵא מִיטְן מַאן'ס צִינְדְן, און מֶען מַאכְט דִי בְּרָכוֹת הוֹיךְ מִיט שִׂמְחָה, מִיטְן נוּסָח. דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט מַאכְט מֶען דְרַיי בְּרָכוֹת און מֶען צִינְדְט אָן דִי לֶעכְט, מֶען זָאגְט הַנֵּרוֹת און מֶען זִינְגְט דִי זְמִירוֹת.

מֶען זִיצְט לְכָל הַפָּחוֹת אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה און מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת, מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, און אַז מֶען קוּקְט אַרַיין אִין דִי לֶעכְטֶלֶעךְ זֶעט מֶען נַייעֶ זַאכְן, מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה און דַאוְוענֶען, און אוֹיפְשְׁטֶעלְן לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## רֶעד צוּ דַיינֶע טֶעכְטֶער פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, דַיינֶע טֶעכְטֶער - פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין - זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי, אוּן יֶעצְט וֶוען דוּ זִיצְט בַּיי דִי מְנוֹרָה, בַּיי דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְט זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, דֶערְצֵייל זֵיי וִוי שֵׁיין עֶס אִיז וֶוען מֶען פָּאלְגְט אַ צַדִּיק אוּן דִי בְּרָכוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן בַּיי דִי לֶעכְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר מַיינֶע טֶעכְטֶער, מַיינֶע דוֹרוֹת - זָאלְן אַלֶע זַיין הֵיילִיג, אַלֶע זָאלְן גֵיין בְּדֶרֶךְ צַדִּיקִים, אַלֶע זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה מִיט שִׂמְחָה, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן דִי בֵּייזֶע ווִינְטְן וָואס בְּלָאזְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער"; וַוייל מִיר הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר אַז אִין דֶעם שְׁטוּבּ וואוּ מֶען שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט וֶועט הֶערְשְׁן עֲנִיּוּת אוּן דַחְקוּת, פוּן דֶעם שְׁטוּבּ וֶועט שׁוֹין קֵיין גוּטֶע קִינְדֶער נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען, אִין דֶעם שְׁטוּבּ וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין בְּרָכָה וְכוּ' וְכוּ'. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחֲזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ' דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי

נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אִיר שְׁטוּב, ׳מַאן גָּרִים דָּא׳ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ׳הַהוּא שַׁעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר׳ דִי פְּרוּי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

בַּיי דִי לֶעבְּט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵוייגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, פָּאלְגְן דִי צַדִּיקִים; אַז מֶען פָּאלְגְט אוּן מֶען גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִּיקִים דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, מֶען שְׁפָּארְט זִיךְ אַיין אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען, מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וֶועגְן דָאס בִּיסְל הָאר, אָבֶּער וָואס זָאל מֶען טוּן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט צוּ לַיידְן וִוי זִיךְ אָפְּשֶׁערְן".

עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ טִיכְל אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר וִוי צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, אָבֶּער אַלֶע צַדִּיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְּן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַ שֵׁייטְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, וִוי אֵיידֶער גֵיין מִיט צֶען טִיכְלֶעךְ אוּן גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי לִיכְטִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, חֲנוּכָּה אִיז דֶער עִיקָר דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב), חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דֶער תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא - צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ לוֹיבְּן, וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס; דוּרְכְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם

אײבּערשטן, װײל װי מער מען װײסט אַז אַלעס איז נאָר דער אײבּערשטער אַלײן - איז מען נענטער צו אים.

דער עיקר זאָלסטו זײן פֿרײליך און פֿרײליך מאַכן די גאַנצע שטוב; קינדער האָבּן ליב פֿרײליכע צײטן, מאַך זײ זאָלן ליב האָבּן חנוכּה, זײ זאָלן ליב האָבּן מצוות.

זע צו זאָגן תּהלים, און טײטש די װערטער מיט דײנע אײגענע איבּערגײאַכץ, װײל דער הײליגער בּעל שם טוב זכותו יגן עלינו האָט מגלה געװען אַז אויבן אין הימל איז זײער חשוב װען מען זאָגט תּהלים און מען טײטשט זיך אַלײנס אַרײן אין די װערטער, און אַמאָל האָט דער הײליגער בּעל שם טוב געזאָגט פאַר זײנע תּלמידים: "איך װיל ענק װײזן װי זיס די קאַפּיטלעך תּהלים איז אין הימל װען מען זאָגט דאָס מיט אַ תּמימות, מען בּעט פאַר אַלעס װאָס מען דאַרף"; ער האָט זײ געהײסן זיך פאַרמאַכן די אויגן און זײ האָבּן געהערט אַ שײנע זיסע געזאַנג, אײנער האָט געזינגען: "אַשרי האיש אשר לא הלך בּעצת רשעים... הײליגער בּאַשעפער העלף מיר, דער פּריץ װיל מיך אַרויסװאַרפן פון מײן דירה, איך האָבּ נישט קײן געלט פאַר רענט", אַ צװײטע זיסע קול זינגט: "למנצח מזמור לדוד... רבּונו של עולם, העלף מיר אַז מײן קו זאָל צוריק אָנהײבּן געבּן מילך, לעצטנס קומט נישט קײן מילך"; זײ האָבּן זיך זײער מחיה געװען צו הערן די זיסע קולות װאָס האָט זיך געהערט מיט אַזאַ געשמאַק, האָט זײ דער הײליגער בּעל שם טוב זכותו יגן עלינו געזאָגט: "אין הימל קוקט מען גאָר אַנדערש אויף אַ קאַפּיטל תּהלים װי דאָ, אין הימל איז דאָס אַ געװאַלדיגע חשיבות".

געבּ חנוכּה געלט פאַר דײנע קינדערס מלמדים און טיטשערס, און בּאַדאַנק זיך פאַר זײ.

דער אײבּערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבּן הצלחה אין אַלע ענינים.

אַ פֿרײליכן חנוכּה.

...

## אויב אַ חַבֵר אִיז דָאס די וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין די וַוייבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף די וַוייבּ, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ׳, אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן רסג): "סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי׳ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתְפְּסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּבַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן די קַטְנוּת הַדַּעַת פוּן לוֹיפְן מִיט חֲבֵרִים וְכוּ׳, גֵיין בַּיינַאכְט מִיט חֲבֵרִים, אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ מִיט חֲבֵרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳; די וָוארְט חַבֵר אִין די דִיקְשֶׁענֶערִי בַּיי מוֹהֲרָא"ש - אִיז וַוייבּ, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז כְּסֵדֶר זָאגְן נִישְׁטָא קֵיין חַבֵר, אויב אַ חַבֵר אִיז דָאס די וַוייבּ; זִי וֶועט דִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, זִי וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן מְנָוֻולִים, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר פוּן

פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, אוּן אַז אַ אִינְגֶערְמַאן פְּרוּבִּירְט דִיר צוּ זָאגְן הֶער אוֹיס דָאס, הֶער אוֹיס יֶענְץ - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים. אִיךְ זָאג פַאר דִי חֲתָנִים, דוּ וֶועסְט זֶען אַ טָאג נָאךְ דִי חֲתוּנָּה אִין שׁוּל, דִי וָואס קוּמֶען דִיר פְרֶעגְן פְּרִיוַואטֶע זַאכְן - פוּן דִי זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן, דִי זֶענֶען מְנֻוָּולִים, אוּן אֲפִילוּ זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער; דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אוֹיף דִי בְּרֵייטֶע אַרְבְּל אַז עֶס גִיסְט זִיךְ פוּן דֶעם טוּמְאָה, כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דֶער וָואס רֶעדְט מִיט דִיר פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פוּן בֵּינוֹ לְבֵינָהּ, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט צְווִישְׁן חֲבֵרִים, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אֵיינֶער ווִיל דִיר הֶעלְפְן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן; דוּ גֵיי צוּ דִי תּוֹרָה, גֵיי צוּ דַיין דַיָּין, גֵיי צוּ דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ; אִים זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן. בִּפְרַט לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶ אָנְשִׁיקֶענִישׁ, יֶעדֶער נַאר גֶעבְּט עֵצוֹת אוּן הָאט דֵּעוֹת ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אִינְגֶעלַייט אָן שֵׂכֶל לוֹיפְן זֵיי נָאךְ בִּיזְן שְׁאוֹל תַּחְתִּית; זָאל דִיר קֵיינֶער נִישְׁט זָאגְן 'הֶער אוֹיס דֶעם אוּן יֶענֶעם'; גֶעדֶענְק אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעוָוארֶענְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵייליכְן חֲנוּכָּה.

...

## בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט חֲנוּכָּה זָאלְסְטוּ סַיי דַאנְקֶען אוּן סַיי בֶּעטְן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם צַדִּיק אֱמֶת, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - וָואס רֵיינִיגְט דִיךְ פוּן אַלֶע בְּלַאטֶעס, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם צַדִּיק.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען מֶען זָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל "מִזְמוֹר שִׁיר חֲנֻכַּת הַבַּיִת לְדָוִד", בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "אֵלֶיךָ ה' אֶקְרָא וְאֶל ה' אֶתְחַנָּן" - דַארְף מֶען זֵייעֶר

אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם פְּרַט, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער צַדִּיק הָאט מִיט מִיר גֶעטוּן, וִוי עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען מִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קְלִפַּת יָוָן, חָכְמַת הַטֶּבַע, וָואס ווִיל פַארְשְׁטֶעלְן אוּן בַּאהַאלְטְן דֶעם צַדִּיק וָואס הָאט בְּכֹחַ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי גְרֶעסְטֶע טֻמְאוֹת אוּן דִי גְרֶעסְטֶע זוּהֲמוֹת, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט "מַה בֶּצַע בְּדָמִי בְּרִדְתִּי אֶל שָׁחַת, הֲיוֹדְךָ עָפָר הֲיַגִּיד אֲמִתֶּךָ" - זָאל מֶען זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן צַדִּיק, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען וֶוער מֶען אִיז בֶּאֱמֶת, וִויפִיל מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, וִוי וַוייט מֶען אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל פַארְשְׁטֵיין דֶעם צַדִּיק.

בְּרוּדֶער, אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען אַלֶעס בִּיז אַהֶער - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע וֶועג, בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעווּאוּסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵויס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין דַרְגָּא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## אִיבֶּערְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן שֵׁיינֶע חֲנוּכָּה טֶעג קֶען דָאס נָאר זַיין אַז דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל לְפִי גֹּדֶל הַקְּדוּשָּׁה פוּן דִי טֶעג פַּארְלֵייגְן זִיךְ דִי נִישְׁט גוּטֶע צוּ אַרָאפְּווַארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי", אִיךְ פִּיר זִיךְ, "כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם", ווֶוען עֶס קוּמְט אַ נַייעֶם טָאג, "אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי", גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי, עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע ווָאס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, "שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ", אַז אַלֶעס זָאל זַיין אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, "וְזֶה טוֹב מְאֹד", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, ווַייל אַזוֹי קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַז אַלֶעס ווָאס פִּירְט זִיךְ, אַלֶעס ווָאס פַּאסִירְט - אִיז אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

סְפֶּעצִיעֶל ווֶוען עֶס קוּמֶען הֵיילִיגֶע טֶעג דַארְף מֶען דָאס מֶער ווִיסְן, דִי זַאךְ פוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע טָאג. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט ווַייטֶער: "וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ ווֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרֵךְ לְבַד". אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט.

הַיינְט נַאכְט צִינְדְט מֶען דִי פִינְפְטֶע לֶעכְטְל, מוֹהֲרַנַ"ת הָאט גֶעבֶּעטְן דִי תַּלְמִידִים אִין יַבְנְאֶל זֵיי זָאלְן יֶעדֶע יָאר דִי פִינְפְטֶע לֶעכְט מַאכְן אַ סְעוּדָה, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן בַּיים צַדִּיק, מֶען אִיז

נָאכְנִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען און גֶעוָוארְן פון דִי מִתְנַגְּדִים, פון דִי חוֹלְקִים; ווִיפִּיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּי׳ן אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## מִיט תְּפִלָּה קֶען עֶסִיג אוֹיךְ בְּרֶענֶען

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען: "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַּאר קִינְדֶערְלֶעךְ, צוּ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין עֶרְלִיךְ, רֶעדְן פוּן צַדִּיקִים אִיז דִי זַאךְ, אַזוֹי פוּן בַּאשֶׁעפֶער מֶען טְרַאכְט".

פַארְוָואס וֵויינְט זִי? עֶס אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ זֶען אַ מַאמֶע וֵויינְט, אֶפְשַׁר הָאט אִיר אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט? אֶפְשָׁר טוּט אִיר קָאפּ וֵויי...? קוּק, זִי גֵייט צוּ אִיר טַאטֶע דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא; לָאמִיר הֶערְן וָואס דָא גֵייט פָּאר.

"טַאטֶע... טַאטֶע..." כְלִיפֶּעט זִי, "יָא טָאכְטֶער'ל, וָואס קֶען אִיךְ דִיר הֶעלְפְן? פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" פְרֶעגְט דֶער טַאטֶע, זָאגְט זִי: "אִיךְ הָאבּ גֶעצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת לֶעכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט לֵייגְן אִין דִי לַייכְטֶער אוֹיל פוּן אֵיילְבִּירְטְן, שֶׁמֶן זַיִת, אוּן עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ טָעוּת, עֶס אִיז פַארְטוֹישְׁט גֶעוָוארְן מִיט עֶסִיג, יֶעצְט נָאכְן אָנְצִינְדְן דִי לֶעכְט שְׁמֶעק אִיךְ דָא דִי שְׁלֶעכְטֶע עֶסִיג גֶערוּךְ, אוּן עֶסִיג בְּרֶענְט נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר מִינוּט, יֶעצְט



אוֹי וַויי, דִי לֶעבְּט גֵייט נִישְׁט קֶענֶען בְּרֶענֶען

וֶועט זַיין טִינְקְל אִין שְׁטוּב, אִיךְ וִויל מַיינֶע שֵׁיינֶע שַׁבָּת לֶעכְט זָאלְן בְּרֶענֶען בִּיז נָאךְ דִי סְעוּדָה, אוֹי וֵויי... אוֹי וֵויי..."

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא זָאגְט אִיר: "טָאכְטֶער'ל זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, מִיר קֶענֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַ נֵס דִי עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען, ווייל דֶער וָואס מַאכְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען וֶועט מַאכְן אַז עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען... לָאמִיר בֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַז דִי שַׁבָּת לֶעכְט זָאל בְּרֶענֶען, עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן, אוּן אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט דִי טֶבַע פוּן דִי וֶועלְט אַז אוֹיל - שֶׁמֶן זַיִת - בְּרֶענְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוּנְז הֶעלְפְן עֶס זָאל בְּרֶענֶען דִי שַׁבָּת לֶעכְט פוּן עֶסִיג, מִיר זָאלְן הָאבְן אַ שֵׁיינֶע פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה".

קִינְדֶער עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ נֵס, דִי לֶעכְט הָאט גֶעבְּרֶענְט, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט בַּיי דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, אוֹיךְ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הָאט נָאךְ גֶעבְּרֶענְט דִי לֶעכְט, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת, מֶען הָאט גֶענוּמֶען פוּן דִי לֶעכְט פֵייעֶר אָנְצוּצִינְדְן דִי הַבְדָלָה לֶעכְט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס אַז עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין תְּפִלָּה, אוּן אַז מֶען בֶּעט אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִין תְּפִלָּה - זֶעט מֶען נִיסִים.